בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא

תשע"ז

היכל הקודש

**הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי**
**אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים**

To obtain this and other Breslov publications:

---

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**
**טלפון רב קווי 04-6708356**
**פקס: 04-6708359**

---

**Visit our new website: www.breslevcenter.com**
**לשמוע השיעורים 212-444-9191**

Find our entire book selection at:
**AMAZON.COM**
To donate and/or sponsor one of our books please call:
**845-248-1651**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת כי תבוא לאומאן, י״ב אלול, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר שטייען שוין צוויי וואכן איידער מיר פארן צום הייליגן רבי׳ן קיין אומאן אויף ראש השנה, וויל איך דיר זייער שטארק בעטן אז דו זאלסט זיך האלטן בשלום מיט יעדן איינעם און זיך נישט קריגן מיט קיינעם, גענוג געווען מיט מחלוקת; מיר זענען געקומען צום רבי׳ן נישט צו זיין פארנומען מיט יענעמ׳ס פראבלעמען, נאר מיר זענען געקומען צום רבי׳ן פאר איין סיבה, אז דער רבי זאל אונז מקרב זיין צום אייבערשטן, און אונז ווייזן א וועג ווי אזוי מען קען זיין נאנט צום אייבערשטן.

איך בעט דיר, אנטלויף פון די בעלי לשון הרע וואס דער רבי רופט זיי אן ׳מדברים׳, וואס זייער גאנצע חיות איז נאר צו מאכן ליצנות פון דעם און פון יענעם, און זייער גאנצע לעבן איז נאר ווי אזוי מען קען פארציילן א לשון הרע פאר נאך איינעם, אזוי ווי די רבי פארציילט (סיפורי מעשיות, מעשה ג) אז די שדים, זייער גאנצע זאך איז ׳ליצנות׳, און זייער חיות איז צו זען ווי מענטשן האבן צרות, און זיך אונטערהאלטן פון דעם, און דער רבי זאגט דארט: ״עס איז פארהאנען א בוים וואס דער בוים האט אין זיך אלע סגולות און אלע רפואות, און דעם בוים וואלט מען ווען געדארפט אנטרינקען, וואלט געווען א טובה פאר די גאנצע וועלט, אבער די ״מדברים״ זיי ווילן נאר אויסרייסן דאס בוים״, עיין שם.

געדענק וואס מוהרא״ש שרייבט: ״אֲנָן בְּחַבִיבוּתָא תַּלְיָא מִילְתָא״, מיר דארפן זיך האלטן צוזאמען און זיך העלפן איינער דעם צווייטן.

איך וויל זייער שטארק אז עס זאל זיין שלום צווישן מיינע תלמידים, איך בעט דיר פון מיין צעבראכן הארץ: העלף מיר אז עס זאל זיין שלום ביי אונז אין די קהילה; איך בעט דיר אז דו זאלסט זיך אנשטרענגען צו רעדן שיין צו יעדן איינעם, נישט קיין חילוק צי יענער איז עלטער פון דיר אדער יונגער וכו׳, אזוי ווי דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זכותו יגן עלינו שרייבט אין די תפילה קודם התפילה: ״וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת

חֲבֵירוֹ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ", מען בעט דעם אייבערשטן אז מיר זאלן רעדן שיין און איידל איינער מיטן צווייטן.

עס עקלט מיר זייער צו זען ווי מען רעדט איינער אויפן צווייטן; חוץ מזה זאלסטו וויסן אז דער וואס לאכט מיט מיט דיר ווען דו רעדסט אויף א צווייטן, דער זעלביגער לאכט מיט אנדערע ווען מען רעדט אויף דיר. די וועלט זאגט: "דער וואס ברענגט פאסט, דער טראגט די פאסט ווייטער", ווער עס קומט כסדר ברענגען לשון הרע פון דעם און פון יענעם, דער טראגט פון דיר לשון הרע צו אנדערע. און פון די מענטשן זאלסט זיך זייער היטן.

ר' נתן האט געזאגט: "ווען איך זע צוויי 'טרעגערס' קריגן זיך, שטעכט עס מיר ביי די זייט"; דאס איז געווען ר' נתן, עס האט אים וויי געטון אז צוויי אידן קריגן זיך, אפילו ער קען זיי נישט, און אפילו זיי זענען פשוט'ע מענטשן - 'טרעגערס', כל שכן אז מיר קומען דא נאר פאר איין סיבה, ווייל מיר ווילן לעבן א גוט לעבן, דארפן מיר נאר זוכן די גוטס פון יעדן איינעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת כי תבוא לאומאן, י"ג אלול, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

עס איז זייער וויכטיג אז דו זאלסט קומען צו די שיעורים יעדע מאנטאג נאכט אין ישיבה, ווייל אז מען האט גוטע חברים און מען קומט זיך צוזאם זיך מחזק צו זיין, האט מען כח זיך צו דערהאלטן; ווי לאנג דו וועסט קומען צום רבי'ן, און זיך האלטן נאנט מיט תלמידי "היכל הקודש", וועסטו סוף כל סוף זוכה זיין צו ווערן נאנט מיטן
~~~~~~~~~~

אייבערשטן. ווייל ווי נישט, אז מען דרייט זיך אויף א פלאץ וואו מען רעדט נאכאמאל און נאכאמאל פון תורה ותפילה, וועט זיך עפעס אנקלעבן אין דיר.

ווען א מענטש גייט אריין אין א געשעפט וואו מען פארקויפט גוטע שמעקעדיגע בשמים (פערפיום), אפילו ער קויפט נישט קיין בשמים, הייבט ער אן גוט צו שמעקן; אזוי אויך איז פארקערט, ווען א מענטש דרייט זיך אין א פלאץ וואו עס איז דא א שלעכטע גערוך, וועט ער אנהייבן צו שמעקן פון די נישט גוטע גערוך.

דאס זעלבע זאג איך דיר, אפילו דו פאלסט וואו דו פאלסט, און דו טוסט וואס דו טוסט, דאך - אז דו וועסט זיך דרייען אין היכל הקודש, און דו וועסט קומען צו די שיעורים, וועסטו צום סוף ווערן אן ערליכער איד. אבער אז מען האט נישט קיין ערליכע חברים, און מען הערט נישט קיין חיזוק, אפילו איינער וואס איז גוט און ערליך וועט צוביסלעך אפגעקילט ווערן.

היינט נאכט איז דא א שיעור אין ישיבה פאר אלע אינגעלייט, איך וויל דיר זען ביים שיעור.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת כי תבוא לאומאן, י"ד אלול, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

א איד איז אמאל געקומען צום רבי'ן און זיך אויסגעגאסן פאר אים זיין הארץ אז ער פאלט אראפ אין עבירות רחמנא לצלן, און וויפיל ער פרובירט זיך צו קריגן מיט זיין יצר הרע פאלט ער מער און מער, האט אים דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן סימן תמז):
~~~~~~~~~~~

״דו טו גוטס, און די שלעכטס וועט פון זיך אליינס אוועק פאלן״; ווייל מיט יעדע נקודה טובה וואס א איד טוט - צי ער לערנט, צי ער טוט צדקה אדער חסד וכו׳ וכו׳, פאלט דורכדעם אוועק אלע עבירות, בפרט אז מען לערנט א דף גמרא ווערן פארברענט אלע קליפות וואס ווערן באשאפן פון די עבירות, און עס בלייבט נישט קיין זכר דערפון.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרק ו) ״אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, אויב דו האסט צרות און יסורין, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה, וּמִיַּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ, אנטלויף צו די תורה, וועלן די יסורים אוועקגיין פון דיר״; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט, דאך זאלסטו זאגן די ווערטער פון די גמרא, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה יט.): ״לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ, וְאַף עַל גַּב דִּמְשַׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר״, א מענטש זאל לערנען אפילו ער פארגעסט וואס ער לערנט, און אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן ריד): ״תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ״, ווען א מענטש לערנט גמרא, פארברענט ער די קליפה וואס ווארפט אראפ א מענטש אין פגם הברית.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין כד.) אויפן פסוק (איכה ג, ו): ״בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם״, אָמַר רַבִּי יִרְמְיָה זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל, דאס גייט ארויף אויף תלמוד בבלי; לכאורה, ווי אזוי קען מען זאגן אויף די הייליגע גמרא אז דאס איז א טונקעלע זאך, א טויטע זאך? נאר מוהרא״ש זכרונו לברכה זאגט, אז דאס קומט צו ווייזן פאר א מענטש וואס זאגט ׳עס איז מיר פינסטער׳, ׳עס איז מיר טינקל׳, ׳איך שפיר זיך ווי א טויטער מענטש׳, ׳עס גייט אריבער אויף מיר שווערע ביטערע נסיונות, עס איז ממש ביי מיר מקיום געווארן דעם פסוק ״בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם״׳, זאגט מען אים: ״אָמַר רַבִּי יִרְמְיָה, זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל״, נעם א גמרא תלמוד בבלי, און הייב אן לערנען, וועט דיר ליכטיג ווערן, און דו וועסט ווערן צוריק לעבעדיג.

דערפאר וויל איך דיר מחזק זיין אז דו זאלסט היינט אנהייבן פון פריש צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא, אפילו דו ביסט פאריאגט און פארפלאגט, דאך זאלסטו לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג, און אז דו פארשטייסט נישט די גמרא, זאלסטו נישט ווערן צעבראכן, נאר זיי ממשיך און זאג די ווערטער פון די גמרא; דער רבי האט אונז געגעבן א ״סדר דרך הלימוד״ (שיחות הר״ן, סימן עו), אז מען זאל לערנען תורה אפילו מען פארשטייט נישט גלייך וואס מען לערנט, נאר מען זאל לערנען כסדרן, און ווען מען ענדיגט זאל מען נאכאמאל אנהייבן, און נאך אפאר מאל זאגן וועט מען זוכה זיין צו פארשטיין וואס מען לערנט. דער סדר דרך הלימוד איז א דבר השוה לכל נפש, פאר א גוטע קאפ און פאר א שוואכע קאפ, פאר יונג און אלט וכו׳, יעדער איינער קען לערנען די הייליגע תורה מיט דעם סדר דרך הלימוד.

דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן נא): ״דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר: די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן״; מוהרא״ש פלעגט זאגן אז ווען מען קומט צום רבי׳ן קיין אומאן אויף ראש השנה דארף יעדער ברענגען א מתנה פארן רבי׳ן; א סיום אויף ששה סדרי משנה, א סיום הש״ס, א סיום אויף ד׳ חלקי שלחן ערוך, יעדער איינער ברענגט זיינע סיומים פארן רבי׳ן, און מען זאגט פארן רבי׳ן: ״דאס איז מיין מתנה וואס איך האב זוכה געווען צו לערנען בזכות דעם סדר דרך הלימוד וואס דער רבי האט אונז געגעבן״. זע אז דו זאלסט אויך קומען מיט פילע הענט מיט סיומים, און דאס וועט אונז ביישטיין ביים יום הדין.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

שלום וברכה אל כבוד ראש הישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~~

איך האב געזען וואס איר האט געשריבן וועגן טרינקען ברוינפן אין א ברסלב'ע שוהל ביי קידוש, האב איך אויף דעם עטליכע הערות.

א. דער רבי האט אליין געגעבן שיריים ברוינפן פאר רבי נתן און רבי נפתלי. [נראה לי מובא באבניה ברזל].

ב. עיין בליקוטי עצות אות ריקודים בסופו במעלת משקה המשכר במידה לשם שמים.

ג. ס'איז באקאנט אז ר' אברהם שטערנהארץ, וואס האט געקענט אויסנווייניג אויפן לשון ספרי רבינו, פלעגט שטענדיג מכבד זיין ווער עס איז געקומען צו אים צו הערן דיבורים או כיוצ"ב אפי' אינמיטן וואך צו טרינקען 96'ער.

ד. ביי צדיקים איז געווען א גרויסער ענין צו טרינקען בראנפן דייקא נאך די פיש און עס איז דא אין דעם גרויסע ענינים [מובא אצל רבותינו מקאמארנא איזה יחודים בזה].

אלימלך זושא

בעזהשי״ת - יום ג׳ פרשת כי תבוא לאומאן, י״ד אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד אלימלך זושא נרו יאיר**

איך האב דערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי האט זייער מקפיד געווען אז מען זאל נישט טרינקען קיין משקה המשכר, נאר פאר קידוש און הבדלה (עיין ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כו).

ווען ר׳ נתן זכרונו לברכה איז מקורב געווארן צום רבי״ן, און ער איז געקומען דאס ערשטע מאל פון נעמירוב צום רבי״ן מיט זיין חבר ר׳ נפתלי זכרונו לברכה, האט זיי דער רבי מכבד געווען מיט א האלבע ברוינפן גלעזל מיט ברוינפן, בערך א פערטל פונעם קליינעם פינגער, און זיי געזאגט: ״צעטיילט זיך דערמיט...״ מיט דעם האט דער רבי זיי געוואלט מרמז זיין, אז מען דארף זייער אכטונג געבן נישט צו טרינקען קיין משקה המשכר.

ר׳ נתן זכרונו לברכה האט זייער מקפיד געווען אויף די חסידים וואס מאכן אן עיקר פון טרינקען וכו׳; איינמאל שמחת תורה האט ר׳ נחמן טולטשינער זכרונו לברכה געטרינקען אביסל אסאך, און ער האט איז אראפגעפאלן אויף דער ערד און געשריגן צו ר׳ נתן: ״איר זענט מיין גאנצע חיות״, האט אים ר׳ נתן געזאגט: ״אמת, עס איז ריכטיג, אבער מען טאר נישט טרינקען שמחת תורה, נאר פורים״.

דאס וואס דו פרעגסט מיר אז ביי חסידים איז טרינקען א גרויסער ענין; אויף דעם האט שוין ר׳ נתן זכרונו לברכה געזאגט, אז אין די פריערדיגע דורות האבן די הייליגע צדיקים געוואלט אז מען זאל זיך צוזאמקומען רעדן פון צדיקים, פון דעם הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, האט מען געמאכט אז מען זאל טרינקען אביסל, אבער אין די היינטיגע טעג - האט ר׳ נתן אויסגעפירט - איז נתמעטו הלבבות, ונתרבו התאוות, איז מען געבליבן נאר מיטן טרינקען; דערפאר האט דער רבי דאס אוועק גענומען פון אונז.

דער רבי האט אמאל געזאגט: ״איך קען שוין נישט פארטראגן זייערע פראזניקעס״, ווייל ביים רבי׳ן איז געווען דער עיקר תורה תפילה, און רעדן פון תכלית. און דערפאר האט ר׳ נתן אויך זייער מקפיד געווען אז מען זאל נישט טרינקען.

מען האט אמאל פארציילט פאר ר׳ נתן זכרונו לברכה אז עס זענען דא חסידים וואס פירן זיך צו לייגן אונטער זייער קישן א פלאש ברוינפן, און ווען זיי וועקן זיך אויף פרעגן זיי: ״משיח איז נאך נישט דא?״ און זיי הייבן אן טרינקען ביז זיי ווערן שיכור און שלאפן נאכאמאל איין, ווייל זיי זאגן אז ווי לאנג משיח איז נאך נישט דא, דארף מען איינשלעפן דעם יצר הרע, ווייל אז מען שלאפט זינדיגט מען נישט, האט ר׳ נתן געזאגט: ״דאס איז נישט קיין עצה; מען דארף לייגן א תהילים אונטערן קישן, און ווען מען וועקט זיך אויף און מען זעט אז משיח איז נאך אלץ נישט דא, זאל מען נעמען דעם תהילים און זאגן תהילים, און שרייען צום אייבערשטן״.

מוהרא״ש זכרונו לברכה האט פארציילט, אז ר׳ לוי יצחק בענדער זכרונו לברכה האט אים געזאגט, אז אין אומאן אינעם קלויז פלעגט מען נישט ברענגען תיקון

(ברוינפן, אזוי ווי עס איז דער מנהג העולם) ווען איינער האט געהאט יארצייט, נאר ווען איינער האט געהאט יארצייט האט ער עוסק געווען אין תורה און אין תפילה, און געגעבן א סאך צדקה. עס איז געווען א גרויסער רעסטוראנט וואס דארט פלעגן די ארימעלייט עסן פאר גאר ביליג, און ווער עס האט געהאט יארצייט, פלעגט גיין צום בעל הבית פונעם רעסטוראנט, און אים געגעבן געלט אז ער זאל געבן עסן פאר אלע עניים בחינם אינעם טאג פון די יארצייט, און אלע ארימעלייט האבן שוין געוואוסט אז היינט איז דא א יארצייט, און אלע האבן אים געוואונטשן 'די נשמה זאל האבן אן עליה'.

ליידער זעט מען לעצטנס זייער אסאך אינגעלייט טרינקען זיך אן שבת; זיי גייען פון איין שול צום צווייטן און זוכן וואו עס איז דא פונעם ביטערן טראפן, מען גייט צו חברים און מען טרינקט זיך אן, נאכדעם קומט מען צו ניבול פה און צו ביטערע עבירות רחמנא לצלן. אנשטאט דער אינגערמאן זאל אהיים גיין צו זיין ווייב און קינדער פארברענגען מיט זיי, איינמאל א וואך וואס דער אינגערמאן האט אביסל צייט צו זיין אין שטוב, אנשטאט דעם גייט דער גאנצער שבת אוועק מיט טרינקען.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש שמואל ה, ט): "רַבִּי אָמַר, תָּמֵהַּ אֲנִי הֵיאַךְ בִּטְּלוּ חוֹנֵן הַדָּעַת בְּשַׁבָּת - אִם אֵין דֵּעָה תְּפִלָּה מִנַּיִן", רבי זאגט, איך וואונדער זיך פארוואס מען ארויס גענומען פון די שבת'דיגע דאווענען די ברכה פון חונן הדעת, ווייל אז מען האט נישט קיין שכל ווי אזוי קען מען דאווענען. אין ספר חיים טובים (להגאון רבי חיים פאלאג'י זכרונו לברכה, אויף מדרש שמואל) זאגט ער: "וּבַעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, בְּדוֹרֵנוּ נִרְגָּשׁ זֶה יוֹתֵר, דְּכַמָּה וְכַמָּה בְּחוֹל יֵשׁ לָהֶם דַּעַת נְכוֹנָה, וְאִילוּ בְּשַׁבָּת שִׁכְרוּתוֹ שֶׁל לוֹט וּמְאַבְּדִים הַדַּעַת, וְלֹא עוֹד, אֶלָּא דְּהַרְבֵּה יַיִן עוֹשֶׂה, וּמְבִיאָן לִידֵי חִילוּל שַׁבָּת, וְזִמָּה, וְאֵין אָדָם חוֹטֵא אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס רוּחַ שְׁטוּת", מען זעט אין אונזערע צייטן מענטשן וואס אין דערוואכן האבן זיי שכל, זיי פירן זיך אויף געהעריג וכו', אבער שבת טרינקען זיי זיך אן, און זיי פארלירן זייער שכל וכו', עיין שם.

דערפאר דארף מען זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל האבן שכל, און נישט מען זאל זיך אנטרינקען און אלעס פארלירן. מיר דארפן נאכמאכן די צדיקים מיט אלע אנדערע זאכן; מיט זייער תורה ותפילה, מיט זייער חסד ווי זיי האבן זיך מוסר נפש געווען פאר אנדערע אידן זיי זאלן לערנען און דאווענען. ווען א מענטש לערנט די הייליגע תורה און ער רעדט זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, מיט דעם ווערט ער איינס כביכול מיטן אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

ב"ה מיין טאכטער (יעצט 5 יאר אלט) האט אנגעהויבן סקול אין די קהילה סקול, זי איז אבער געווען אביסל פארמאכט, און וויבאלד איינער פון מיינע באקאנטע האט געהאט געשיקט אין א קליינע סקול, און מיר האבן געזען אז מ'געט זיך דארט מער אפ מיט די קינדער, האבן מיר נאך עטליכע חדשים איר אריבערגעלייגט אין די קליינע סקול, זי האט ב"ה מצליח געווען דארט, און זי האט זיך היבש געעפענט.

נאכן זיין אין די קליינע סקול בערך א יאר, האבן מיר איר צוריק געלייגט אין די גרויסע סקול, צוליב עטליכע סיבות: 1) מיר האבן אנגעהויבן זיך נישט געהעריג פארשטיין מיט די משפחה וואס פירט יענע סקול, 2) מיר האבן געשפירט אז אפשר איז א תועלת זי זאל גיין אין א סקול מיט אסאך קינדער זי זאל זיך קענען מער אנטוויקלען סאושעל, 3) אויך זענען מיינע עלטערן געווען ברוגז אז מיר האבן איר נישט געשיקט אין די קהילה סקול. אבער פון אזוי פיל אריין און ארויס, איז זי שוין צומישט געווארן, און וויבאלד אין די גרויסע מוסד האט מען זיך נישט געהעריג אומגעקוקט אויף איר, איז זי שטארק צוריק געפאלן, און איז שטארק פארמאכט
~~~~~~~~~~~

געווארן, און נאכן זיין א שטיק צייט אין די גרויסע מוסד האט מען איר געוואלט אנהייבן שיקן אויף טעראפי, דער ראש ישיבה האט מיר דעמאלטס געזאגט איך זאל מיך דורכרעדן מיט מיין מאמע, מיין מאמע האט געזאגט אז מ'זוכט נישט היינט סתם זיך אנצוכאפן און צוקלאפן קינדער, דערפאר זאל זי גיין אויף טעראפי. אויך האבן מיר געטראכט דעמאלטס אז אפשר וואלט כדאי געווען איר צוריק צו לייגן צום קליינעם מוסד, האט מיר דאן דער ראש ישיבה געפרעגט וואס מיין מאמע האלט, האב איך געזאגט אז זי האלט אז איך זאל איר לאזן, האבן מיר איר געלאזט. למעשה פארציילט מיין טאכטער אז זי גייט מער נישט צו טעראפי, און איך האב אויך בכלל נישט געזען קיין תועלת פון די טעראפי.

יעצט טראכטן מיר ווייטער אז עס וואלט אפשר כדי געווען איר צוריק צו לייגן צום קליינעם מוסד, וואו מ'געט זיך בעסער אפ. אבער איך קען זיך דערמיט נישט דורכרעדן מיט מיין מאמע, ווייל זי קען נישט הערן אזא זאך. ביי איר איז דא נאר איין רבי, איין מוסד, איין קהילה, און גארנישט מער. עס זעט בכלל נישט אויס אז זי זאל טראכטן פון די טובה פונעם קינד. ביי איר איז דער עיקר אז מ'זאל שיקן אויסדרוקליך נאר אין די קהלה מוסד. אבער מיר זענען שטארק מסופק אז אפשר איז יא פאר די טובה פון דאס קינד צוריק צו גיין צום קליינעם מוסד. בפרט האט מיין ווייב מורא אז ווען מ'הייבט אן ארייצוגיין צו די קלאסן ווי מ'לערנט שוין מיט די קינדער, און אויב נעמט מען איר ארויס פאר הילף – ווי די שטייגער אין די גרויסע מוסדות, קען זי ווערן א גאנצע רחמנות, און א צוקלאפטע קינד.

עס איז מיר וויכטיג צו באקומען א תשובה וואס שנעלער, ווייל מ'הייבט שוין אן די נייע סקול יאר.

יישר כח

י. וו.

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת כי תבוא לאומאן, י"ד אלול, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד י. וו. נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו זאלסט זייער אכטונג געבן נישט צו טון קיין ווילדע זאכן. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ממון, סימן עז): ״מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשָׂיו בִּמְהִירוּת, בְּלִי יִשּׁוּב הַדַּעַת, נַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב״, ווער עס טוט ווילדע זאכן - אן קיין ישוב הדעת, ווערט א בעל חוב; דאס וואס דו שרייבסט מיר אז דו נעמסט דיין קינד אריין אין סקול, און ארויס פון סקול וכו׳, כאילו זיי זענען אזוי ווי שפילצייג, דאס קען גורם זיין צו נישט גוטע זאכן.

קינדער זענען נישט קיין שפילצייג וואס מען קען זיי יעדן טאג לייגן אין אן אנדערע מוסד; דאס אליין אז איר האלט אין איין טוישן דאס קינד פון איין מוסד צום צווייטן, דאס מאכט איר פארמאכט, און עס וועט שאטן אויף שפעטער.

דו שרייבסט מיר אז דו האסט מיר געפרעגט וואס צו טון וכו׳; איך ווייס נישט ווער דו ביסט און וואס איך האב דיר געזאגט וכו׳, אבער איין זאך איז זיכער, אז דו זאלסט גארנישט טון פאר דו שמועסט עס דורך מיט דיינע עלטערן, ווייל דו מאכסט צו שנעלע החלטות; ארויס פון סקול, אריין אין סקול, און צוריק ארויס וכו׳.

איך מיין אז דו זאלסט לאזן דיין קינד אין די קהילה מוסד, און דו מיט דיין ווייב זאלן געבן פארן קינד אין שטוב אסאך אויפמערקזאמקייט, וואס דאס וועט איר העלפן זיך צו עפענען. קיינער איז נישט גאראנטירט מיט זיינע קינדער, אויב אינוועסטירט מען אין די קינדער, מען שפילט זיך מיט זיי, מען לאזט זיך אראפ צו זיי און מען ענטפערט זיי זייערע פראגעס וכו׳, דעמאלט וואקסן די קינדער אויף געזונט און שטארק.

דאס וואס עלטערן באשולדיגן די מוסדות ווען זיי זעען אז זייערע קינדער זענען נישט מצליח ה׳ ירחם, דאס איז נישט ריכטיג; ווייל קינדער וואס האבן א ווארעמע היים און ווארעמע עלטערן, דארף דאס זיין גענוג פארן קינד צו וואקסן געזונט; דער עיקר פון א קינד איז זיין היים און זיינע עלטערן, קינדער וואס זעען ווי עלטערן קריגן זיך איינער מיטן צווייטן, וועט דאס איבער לאזן אויף זיי א וואונד, אזוי אויך קינדער

וואס קומען פון א שטוב וואו עס איז נישט דא קיין דרך ארץ וכו׳, די עלטערן שרייען און שעלטן וכו׳, דאס לאזט איבער אויף די קינדער א וואונד.

דער אייבערשטער האט מיר מזכה געווען צו לערנען מיט אידישע קינדער תורה; במשך די אלע יארן וואס איך האב די ישיבה וכו׳, זע איך אז די אלע קינדער וואס קומען פון גוטע שטובער - גוטע שטובער מיין איך צו זאגן געזונטע שטובער, וואס די עלטערן זענען זיך מכבד איינער דעם צווייטן, און עס איז דא ליבשאפט איינער צום צווייטן, מיט אזעלכע קינדער איז גרינג צו ארבעטן, ווייל זייער מח בדרך כלל איז געזונט, אבער קינדער וואס וואקסן אויף אין א שטוב אדער מיט א שטוב וואס דער שטוב איז נישט קיין שטוב, דאס איז שוין א צווייטע מעשה, זיי וואקסן אויף צעקלאפט און פארמאכט, ביז זיי זוכן זיך שלעכטע חברים, און נעמען נאכדעם דראגס השם ישמרינו.

דערפאר בעט איך דיר זייער אז דו זאלסט נישט משוגע מאכן דיין קינד, און דו זאלסט נישט יעדן צווייטן טאג טוישן סקול; זע צו זיין פרייליך און מאך פרייליך דיין ווייב. קויף דיר גוטע ספיקערס, און זע אז עס זאל גיין א גאנצן טאג ביי דיר און שטוב מוזיק, און ווען דו קומסט אהיים זאלסטו נעמען דיינע קינדער אין א טענצל, ווייל שמחה עפנט אויף די מח, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן י): ״דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת״, ווען א מענטש איז פרייליך, דעמאלט קען ער טראכטן גראד, און ער קען ארויס גיין פון זיין פארמאכטקייט; ווייל ווען א מענטש איז מרה שחורה׳דיג, ער איז דערשראקן און אנגעצויגן - קען מען נישט טראכטן. דערפאר אז דיין קינד איז פארמאכט וכו׳, זע צו זינגען און טאנצן אין שטוב מיט שמחה, וועט אלעס איבערגעדרייט ווערן לטובה.

ועל כולם דארף מען אסאך דאווענען צום אייבערשטן, און אים בעטן אז מען זאל האבן גוטע קינדער; מוהרא״ש האט דערציילט אז א איד איז געקומען צום הייליגן

חפץ חיים זכותו יגן עלינו, ער האט געבעטן א ברכה אויף גוטע קינדער; האט דער הייליגער חפץ חיים גענומען א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט, און דאס געוויזן פאר דעם איד און אים געזאגט: "דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע עליה השלום, וואו זי פלעגט זיך יעדן טאג אויסוויינען אז זי זאל האבן גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער". דערפאר זאלסטו אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זוכה זיין צו ערליכע קינדער, געזונטע קינדער, און קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן דער וועלט.

איך שרייב דיר דא א קליינע תפילה וואס דו זאלסט בעטן יעדן טאג דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל זוכה זיין צו קינדער און אייניקלעך וואס וועלן לערנען די הייליגע תורה, און וועלן נאר דיר דינען. העלף מיר אז מיינע קינדער זאלן זיין געזונטע קינדער, פריילכע קינדער, קינדער מיט א שטארקייט, זיי זאלן זיין ביי זיך זעלבסטזיכער און זעלבסטשטענדיג. הייליגע באשעפער, מיין קינד איז לעצטנס זייער צעקלאפט און דערשלאגן, איך ווייס נישט וואס צו טון, העלף מיר אז מיין קינד זאל ארויס גיין פון זיין צעקלאפטקייט, ער זאל זיין געזונט און שטארק. רבונו של עולם, הער אויס מיינע פשוט'ע תפילות וואס איך בעט דיר, און גיב מיר קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן די וועלט, קינדער וואס וועלן זיין דבוק צו דיר". און לייג צו דיינע אייגענע תפילות, ווייל תפילות וואס קומט ארויס פון א צעבראכענע הארץ, איז זייער חשוב ביים אייבערשטן.

מען זעט חנה - שמואל הנביא'ס מאמע, ווען זי האט געבעטן פונעם אייבערשטן קינדער, האט זי געבעטן מיט א גדלות המוחין, זי האט געבעטן (שמואל-א א, יא): "וְנָתַתָּה לַאֲמָתְךָ זֶרַע אֲנָשִׁים", פרעגט די גמרא (ברכות לא:): "מַאי זֶרַע אֲנָשִׁים? אָמַר רַב, גַּבְרָא בְּגוּבְרִין", זי האט געבעטן אז זי דארף געזונטע קינדער וואס זענען אויסגעמישט צווישן מענטשן, "וּשְׁמוּאֵל אָמַר, זֶרַע שֶׁמּוֹשֵׁחַ שְׁנֵי אֲנָשִׁים, וּמַאן אִינוּן? שָׁאוּל וְדָוִד", שמואל זאגט, זי האט געבעטן אז זי דארף א קינד וואס ער וועט זאלבן צוויי קעניגן - שאול המלך און דוד המלך. "וְרַבִּי יוֹחָנָן אָמַר, זֶרַע שֶׁשָּׁקוּל כִּשְׁנֵי אֲנָשִׁים, וּמַאן אִינוּן, מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן, שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים צט, ו): מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן בְּכֹהֲנָיו וּשְׁמוּאֵל בְּקֹרְאֵי שְׁמוֹ", רבי יוחנן

זאגט, זי האט געבעטן אז זי וויל א קינד וואס וועט זיין אזוי גרויס ווי משה רבינו און אהרן הכהן; זעט מען פון דעם ווי אזוי מען דארף בעטן דעם אייבערשטן, מיט א גדלות המוחין, זי האט געבעטן אז זי דארף א קינד אזוי גרויס ווי משה רבינו און אהרן הכהן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

לכבוד הר"ר יואל ראטה שליט"א,

איך האב געוואלט פרעגן וואו עס איז דער מקור פונעם רבי'ן אז מ'דארף קומען קיין אומאן אויף ראש השנה. וואו שרייבט דאס דער רבי, ווען און צו וועם האט ער דאס געזאגט?

לייבל

בעזהשי״ת - יום ג׳ פרשת כי תבוא לאומאן, י״ד אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד לייבל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו פרעגסט וואו עס איז דער מקור אז דער רבי האט געוואלט מען זאל קומען קיין אומאן; אין חיי מוהר״ן איז דא א גאנצע קאפיטל: ״גֹּדֶל יִקְרַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלּוֹ״ - צאמגענומען אלע שמועסן פון רבי׳ן, וואס דער רבי האט געזאגט איבער דעם אז מען דארף קומען צו אים אויף ראש השנה; קוק אריין דארט וועסטו זען לשונות וואס דער רבי האט געזאגט אז מען זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, אזעלכע לשונות וואס קיין שום צדיק האט נישט געזאגט.
~~~~~~~~~~

דער רבי האט געזאגט (שם, סימן תג): "הָראשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זיין ביי מיר ראש השנה איז גרעסער פון אלעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", און איך וואונדער זיך אויף מיינע תלמידים וואס גלייבן אין מיר, פארוואס זאלן זיי נישט מעורר זיין מיינע מענטשן אז אלע זאלן קומען צו מיר אויף ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן. "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל ראשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דער רבי האט געהייסן מען זאל מודיע זיין פאר אלע מענטשן וואס גלייבן אין אים, אז ער האט געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", און ווער עס איז זוכה צו זיין ביי אים אויף ראש השנה דארף זיך זייער פרייען א גאנץ יאר, עיי"ש.

ווען עס ווארט אויף א מענטש א שווערע משפט, וועט דער מענטש ארום לויפן צו די גרעסטע לויערס זיי בעטן אז זיי זאלן עפעס טון פאר אים, זיי זאלן פרובירן אים מצדיק צו זיין, ער קוקט נישט אויף גארנישט, און גארנישט קען נישט אפהאלטן דעם מענטש פון פארן צו דעם גרעסטן לויער; דעמאלט קוקט מען נישט אויף געלט, מען קוקט נישט אויף קיין חברים, אפילו נישט אויף משפחה, מען קוקט נאר אויף זיך, מען מאכט זיך א חשבון 'וואס האב איך צו פארלירן, עס ווארט מיר אזא שווערע משפט וכו'', ווער רעדט נאך אז עס ווארט א משפט פון טויט שטראף רחמנא לצלן, דעמאלט וועט א מענטש טון אלעס אויף דער וועלט צו ווערן געראטעוועט.

יעצט פרעג איך דיר, עס ווארט אויף אונז אלע א גרויסן משפט, ראש השנה גייט מען אונז אלע משפט'ן, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם; אלע שרעקליכע טראגעדיס וואס מען הערט א גאנץ יאר השם ישמרינו - ווערט אלעס אנגעשריבן ראש השנה, יעדן טאג ווערן אוועקגעריסן יונגע מענטשן, מענער און פרויען, יונגע קינדער בלייבן אן עלטערן ה' ירחם, אלע שפיטעלער זענען לא עלינו אנגעפילט מיט אידישע קינדער; יעצט לאמיר דיר פרעגן, עס איז דא א צדיק וואס האט צוגעזאגט אז ראש

השנה קען ער יעדן איינעם העלפן, ער קען אונז אלע מתקן זיין; קוק וואס ר׳ נתן שרייבט - וואס דער רבי האט אים געזאגט (שם, סימן תז): ״אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת״, אפילו מענטשן וואס דער רבי קען א גאנץ יאר נישט העלפן, אבער ראש השנה קען ער יעדן פארעכטן.

דערפאר קומען צו פארן צענדליגער טויזענטער מענטשן קיין אומאן אויף ראש השנה, ווייל אלע ווילן תשובה טון, און אלע ווילן אז דער רבי זאל זיי מתקן זיין.

ווער עס איז נאך נישט געווען אין אומאן, קען זיך נישט פארשטעלן וואס עס טוט זיך אפ ביים רבינ׳ס ציון; פיר און צוואנציג שעה איז דער ציון באלאגערט מיט טויזענטער אידן וואס וויינען און שרייען צום אייבערשטן. דער רבי האט געזאגט: ״אנדערע צדיקים וואלטן זיך געוואונטשן צו האבן אזא ראש השנה, ווי ביי מיר איז ערב ראש השנה״; פארשטייט זיך אז דער ס״מ טוט זיינס, ער גייט ארום און מאכט ליצנות פון רבי׳ן, ער מאכט ליצנות פון אומאן, פון תיקון הכללי וכו׳ וכו׳; ווייל עס דארף בלייבן א בחירה און א נסיון פארן מענטש, אבער א מענטש וואס האט שכל מאכט זיך א פשוט׳ער חשבון: ׳עס קומט יעצט א לאנגע יאר, איך דארף ישועות, איך דארף רפואות, איך דארף פרנסה, נחת; דא איז דא א רבי וואס האט מבטיח געווען אז ווער עס וועט קומען צו אים וועט ער העלפן, פון דער אנדערע זייט שטייען מיינע כלומר׳ישע חברים, און משפחה, וואס מאכן ליצנות פון דעם, איך דארף קוקן וואס עס איז גוט פאר מיר׳; ער פאקט זיך איין א רענצל מיט זיינע וועש, און אנטלויפט צום הייליגן רבי׳ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

שלום לכבוד דער ראש הישיבה שליט"א,

קודם א יישר כח אויף די טייערע שיעורים וואס געבט מיר חיזוק יעדן טאג.

איך האב געוואלט פרעגן אזוי, איך לערן שוין די לעצטע שטיק צייט לויט די מהלך הלימוד וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז, איך האב אבער נישט קיין סאך צייט צו לערנען. וויל איך פרעגן צי איך זאל אויפגעבן מיין שיעור אין גמרא און נאר זאגן משניות, צו זאגן ווי מער משניות? אדער זאל איך ענדערש זאגן ווייניגער משניות, און אנהאלטן מיין שיעור אין גמרא?

חיים

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת כי תבוא לאומאן, ט"ו אלול, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד חיים נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו ביסט זיך מחזק מיט די עצות וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז, בפרט אז דו האסט אנגעפאנגען צו לערנען אויפן סדר דרך הלימוד וואס דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן.

וויסן זאלסטו אז דאס איז נישט מיין מהלך הלימוד, נאר דאס האט אונז דער רבי געגעבן; קוק אריין אין שיחות הר"ן (סימן עו), וואס דער רבי זאגט דארט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מען דארף נישט פארשטיין ווען מען לערנט, מען דארף נאר זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה און צום סוף וועט מען פארשטיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מען זאל נישט ווערן צעבראכן ווען מען זעט אז מען
~~~~~~~~~~~

פארשטייט נישט וואס מען לערנט, וואס דאס אליין - אז מען וויל גלייך פארשטיין - מאכט אז עס זאל זיין שווער צו פארשטיין דאס לערנען, נאר מען זאל בלויז זאגן די ווערטער כסדרן, און מען וועט פון זיך אליין פארשטיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" און אויב מען פארשטייט נישט דעם ערשטן מאל, וועט מען עס פארשטיין ביים צווייטן מאל, און אויב מען וועט נישט פארשטיין דעם צווייטן מאל, איז אויך גארנישט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן אז א מענטש זאל קודם אסאך זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, און דערנאך זאל ער לערנען צו פארשטיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וכו'", ווייל אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעל, קען מען זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך, ווייל אזוי איז מען איז זוכה צו איבערגיין יעדע זאך זייער אסאך מאל, ביז מען איז זוכה צו פארשטיין וואס מען לערנט.

"וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דער רבי האט זייער אסאך גערעדט פונעם דרך הלימוד, אז מען זאל נישט זוכן צו פארשטיין גלייך ווען מען לערנט, נאר מען זאל לערנען אסאך אן פארשטיין, ביז מען וועט זוכה זיין צו פארשטיין; ווען מען לערנט אויף דעם סדר דרך הלימוד איז מען זוכה אנצוקומען אסאך מער ווי ווען מען לערנט שטייט און מען קלערט אריין אין יעדע ווארט, וואס דאס שטערט נאר דאס לערנען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא

נִשְׁאַר בְּיָדָם", און זייער אסאך מענטשן האבן אינגאנצן אויפגעהערט צו לערנען צוליב דעם וואס זיי האבן געלערנט און געקוועטשט וכו'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אבער אז א מענטש געוואוינט זיך צו, צו לערנען שנעלערהייט - אזוי ווי אויבן דערמאנט, וועט ער זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך, און ער וועט לערנען די גאנצע תורה - גמרא מיט אלע פוסקים, תנ"ך מיט אלע מדרשים, און זוהר הקדוש, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אזוי ווי דער רבי האט געוואלט אז מיר זאלן דורך לערנען כל התורה כולה. עיי"ש.

די אלע וואס האבן גענומען דעם רבינ'ס ווערטער בתמימות ובפשיטות, זיי האבן אנגעפאנגן צו לערנען אויפן סדר דרך הלימוד, האבן זייער שיין מצליח געווען; דערפאר פריי איך מיר זייער, אז דו האסט אנגעפאנגען צו לערנען אויף דעם וועג.

דאס וואס דו פרעגסט צי דו זאלסט אויך לערנען שיעור עיון; דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, שם): "גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בְּקְצָת עִיּוּן", אויך דארף מען האבן א שיעור אין עיון יעדן טאג; דערפאר זאלסטו זען צו ממשיך זיין סיי מיט דיין שיעור אין גמרא וכו', און ווען דו האסט איבעריג צייט זאלסטו אריין כאפן א פרק משניות.

עס שטייט אין תיקוני זוהר (הקדמה, ה.) אז די ראשי תיבות פון זְ'רָעִים מ'וֹעֵד נָ'שִׁים נְ'זִיקִין קָ'דָשִׁים טָ'הֳרוֹת איז "זְמַן נָקֵט"; האב איך געהערט פון א ברסלב'ער חסיד א הערליכע פשט, אז איינער וואס לערנט משניות האלט די צייט אין די האנט - "זְמַן נָקֵט". ווייל וואו ער גייט נעמט ער מיט זיך מיט א קליינע משניות, אזוי האט ער אסאך צייט. מוהרא"ש פלעגט שטענדיג זאגן, אז מען קען וויסן אויף איינעם צי ער דרייט זיך אין "היכל הקודש", אויב זעט מען אים שטענדיג מיט א משניות אין די האנט, איז א סימן אז ער דרייט זיך אין היכל הקודש.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

לכבוד הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א,

איך ארבעט אין א געשעפט, און איך דארף כסדר האנדלען מיט פרויען, און עס איז מיר זייער שווער מיט שמירת עינים. איך בין געוועזן זומער אין קעמפ על מי מנוחות, איך בין געוועזן ארומגענומען מיט קינדער א גאנצע טאג, און ס'איז געוועזן זייער גוט. אבער יעצט בין איך צוריק געקומען אין שטאט, איז מיר זייער שווער צו היטן די אויגן, סיי אויף די גאס און בפרט אין געשעפט וואו איך בין א גרויס חלק פון טאג.

יצחק

בעזהשי״ת - יום ד׳ פרשת כי תבוא לאומאן, ט״ו אלול, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד יצחק נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער ר׳ נתן זכרונו לברכה האט געוואוינט אין ברסלב אויפן גאס וואו דער מארק פלעגט זיין, און ער האט שטענדיג געהאלטן די פענסטער און די פירהאנג פארמאכט; בדרך כלל איז שטענדיג דא א רעש וכו׳ ביי דער פלאץ וואו דער מארק איז, מיט דעם אלעם איז ר׳ נתן קיינמאל נישט צוגעגאנגען צום פענסטער קוקן וואס עס טוט זיך אין גאס. איינמאל איז געוועזן זייער א גרויסער און אומגעוועגליכער רעש, ר׳ נתן איז געזיצן ביי זיך אין שטוב און געשריבן זיינע חידושי תורה, און ווען ער האט געהערט די הויכע קולות, ווי מען שרייט, האט ער אראפ געלייגט דעם פעדער, און געוואלט גיין קוקן וואס עס גייט פאר, ווען ער האט זיך שוין אויפגעשטעלט צו גיין קוקן, האט ער אנגעכאפט דעם טיש און געזאגט צו זיך אליין: ״נתן נתן... איין קוק
~~~~~~~~~~~

וויניגער אויף די וועלט - איז פארט בעסער״, און ער האט זיך צוריק אראפ געזעצט. ר׳ נתן זכרונו לברכה איז צוגעקומען צו האבן ישוב הדעת, ווייל ער האט אסאך גערעדט צום אייבערשטן.

דערפאר, אז דו שרייבסט מיר אז עס איז דיר זייער שווער צו היטן די אויגן, געב איך דיר אן עצה, אז דו זאלסט יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל דיר העלפן, דו זאלסט זוכה זיין צו האבן שמירת עינים. פאר דו גייסט ארויס פון שטוב צו גיין צו דער ארבעט, בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זוכה זיין צו האבן אפגעהיטענע אויגן. דער רבי זאגט (ספר המדות, אות ראיה, סימן ט): ״כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה, שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק ׳הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן׳, וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת״, ווען א מענטש גייט ארויס פון שטוב און ער האט מורא אז ער וועט נכשל ווערן נישט צו היטן די אויגן, זאל ער זאגן דעם פסוק הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן, און אזוי וועט ער זיך קענען היטן די אויגן.

מוהרא״ש זכרונו לברכה זאגט, אז ווען א מענטש גייט ארויס פון שטוב, זאל ער לייגן די הענט אויף די מזוזה און בעטן א קורצע תפילה: ״רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל צוריק קומען בשלום, איך זאל קענען היטן מיינע אויגן וכו׳״, און אזוי וועט ער מצליח זיין; וויסן זאלסטו אז עס איז נישט דא קיין שום אנדערע וועג צו זיין אפגעהיטן, נאר אז מען בעט אסאך דעם אייבערשטן.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון הייליגן רבי׳ן, דער רבי ברענגט אריין אין אונז אז דער אייבערשטער איז דא אויף דער וועלט, און אז מיר קענען זיין ערליכע אידן אפילו מיר זענען פשוט׳ע מענטשן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה א, כא) בית שמאי און בית הלל קריגן זיך וואס איז קודם באשאפן געווארן, דער הימל צי דער ערד, בית שמאי האלטן אז קודם האט דער אייבערשטער באשאפן דער הימל און נאכדעם דער ערד, און בית הלל זאגן אז קודם האט דער אייבערשטער באשאפען דער ערד און נאכדעם דעם הימל, קומט רבי שמעון

בן יוחאי און זאגט: "תָּמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ נֶחְלְקוּ אָבוֹת הָעוֹלָם עַל בְּרִיאַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ, שֶׁאֲנִי אוֹמֵר שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא כְּאִלְפָּס וְכִיסּוּי, איך וואונדער זיך אויף די גרויסע צדיקים - די בית שמאי און בית הלל וואס קריגן זיי זיך וואס איז קודם באשאפן געווארן, איך האלט אז דער אייבערשטער האט באשאפן די ערד מיט די הימלביידע צוזאמען, אזוי ווי א טאפ מיט איר דעקל". מוהרא"ש איז דאס זייער שיין מסביר, אז די בית שמאי האלטן, קודם האט דער אייבערשטער באשאפן די הימלען, ווייל שמים ווייזט אויף רוחניות, צו ווייזן פארן מענטש אז דער עיקר איז נאר 'שמים', זיין א 'הימל מענטש' - אויסגעטון פון דער וועלט, און בית די בית הלל זאגן: ניין, קודם האט דער אייבערשטער באשאפן די ערד, צו ווייזן אז מען דארף זיין דא אויף דער ערד, און נאכדעם גייט מען צום הימל, קומט רבי שמעון בן יוחאי און זאגט: "איך פארשטיי נישט וואס איז די גאנצע מחלוקה, מען קען זיין דא אויף דער וועלט און זיין אויבן - טראכטן פונעם אייבערשטן און דאווענען און לערנען. און מען קען זיין אויבן - זיין דבוק צום אייבישטער, דאווענען און לערנען און זיין אויף דער ערד - חתונה האבן און האבן קינדער און זיי מפרנס זיין וכו' וכו'; דאס האט מוהרא"ש אריינגעברענגט אין אונז, אז מען קען זיין אן ערליכער איד אפילו מען ארבעט, און אפילו מען איז א גאנצן טאג פארנומען צו ברענגען פרנסה - דאך קען מען זיין דבוק צום אייבערשטן, דארט ביי די ארבעט.

דערפאר בעט איך דיר זייער, נעם מיט צו דיין ארבעט א זעקל ספרים, פאק דיר איין א חומש, מיט א קליינע משניות'ל, א תהילים וכו', און ווען דו האסט אן איבעריגע מינוט זאלסטו אריין כאפן א פרק משניות, א דף גמרא וכו'. געווענליך האבן נישט די בעלי בתים ליב צו זען ווי זייער ארבעטער לערנט וכו', אבער אנשטאט צו שטיין ווי א גולם און נאכקוקן יעדע פרוי וכו', אנשטאט צו שטיין און קוקן וכו', זאלסטו אריין כאפן א קאפיטל תהילים, א פסוק חומש.

מיר האבן די וואך אין די תוכחה, וואס דער תורה זאגט (דברים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", זאגט מוהרא"ש זכרונו לברכה, אז דאס גייט ארויף אויף שמירת עינים; מען זעט אינגעלייט ווערן פשוט משוגע פון קוקן שמוץ, עד כדי כך אז

ער שטייט און קוקט נאך פרויען און מיידלעך אן קיין בושה, עס איז דא וואס פארלירן נעבעך זייער שכל אינגאנצן, זיי קענען שטיין שעות און פרובירן אריין קוקן אין א פענסטער אפשר וועט ער זען וכו׳, וואס באמת איז עס איין גרויסע דמיון, ווייל מען האט פון דעם גארנישט נאר בזיונות.

דער רבי זאגט (ספר המדות, אות ראיה, סימן ח): ״מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת״ ווער עס היט זיך זיינע אויגן, ער קוקט נישט אויף קיין שלעכטס, ווערט ניצל פון בזיונות; דאס אליין דארף דיר העלפן ביישטיין דיינע נסיונות, אז דו וועסט טראכטן אז עס איז בעסער זיך צו היטן די אויגן ווי צו האבן נאך א בזיון.

שטארק דיך און ווער נישט צופאלן ווען דו זעסט אז דו פאלסט אראפ נאכאמאל און נאכאמאל, דו זאלסט נאכאמאל און נאכמאל צוריק גיין צום אייבערשטן, בעט אים: ״רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל האבן ריינע אויגן, וואס זאל איך טון - דער יצר הרע ברענט אין מיר, העלף מיר איך זאל זיין אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס, רבונו של עולם איך שטיי דא אין געשעפט ווייל איך דארף אהיים ברענגען פרנסה, איך דארף אויסהאלטן מיין ווייב און קינדער, מיר וואלט בעסער געווען צו זיצן אין בית המדרש, עס איז מיר אזוי שווער דא, איך דארף מיר פשט רייסן צו זיין אן ערליכער איד...״ אזוי זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג און לייג צו דיינע אייגענע תפילות, ווייל ווען מען בעט דעם אייבערשטן מיט אייגענע תפילות איז דאס זייער חשוב אויבן אין הימל ווייל עס קומט ארויס גלייך פון הארץ.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת כי תבוא לאומאן, ט״ו אלול, שנת תשע״ז לפרט קטן
~~~~~~~~~~

**לכבוד מיין טייערע תלמיד ... נרו יאיר**

איך וויל דיר זייער בעטן אז דו זאלסט קומען אין שול דאווענען מיט דרך ארץ אנגעטון מיט דיין הוט און רעקל, אזוי אויך ווען דו קומסט צום שיעור אין ישיבה זאלסטו קומען אנגעטון מיט דרך ארץ; דו דארפסט נישט נאכמאכן וואס יעדער משוגענער טוט. דאס וואס דו זעסט אז אינגעלייט און בחורים קומען אריין אין שול אן קיין דרך ארץ וכו׳, און זיי שטעלן זיך דאווענען אן דעם הוט און רעקל, און אן קיין שיך וכו׳, דאס מיינט נישט אז דו דארפסט זיי נאכמאכן. איך דארף מיט זיי ארום שפילן ווי לאנג איך קען זיי צוריק ברענגען צום אייבערשטן, און איך דארף האבן סבלנות צו זיי ביז זיי וועלן זיין ערליכע אידן, אבער דאס מיינט נישט אז מען קען דאווענען אזוי און אז דו דארפסט זיי נאכמאכן.

עס איז א בפירוש׳ע הלכה (אורח חיים סימן צא, סעיף ב): ״צָרִיךְ לֶאֱזֹר אֵזוֹר בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, אֲפִילּוּ יֵשׁ לוֹ אַבְנֵט שֶׁאֵין לִבּוֹ רוֹאֶה אֶת הָעֶרְוָה, מִשּׁוּם הָכוֹן״, מען דארף זיך אנטון א גארטל ווען מען דאווענט, נאך שטייט (שם, סעיף ו): ״דֶּרֶךְ הַחֲכָמִים וְתַלְמִידֵיהֶם שֶׁלֹּא יִתְפַּלְּלוּ אֶלָּא כְּשֶׁהֵם עֲטוּפִים״.

איך האף אז דו וועסט דאס פארעכטן, און דו וועסט זיך פירן מיט דרך ארץ אזוי ווי עס פאסט פאר א תלמיד היכל הקודש.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת כי תבוא לאומאן, ט״ו אלול, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע תלמיד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

מיר האבן נעכטן געמאכט אין ישיבה א שבע ברכות לכבוד החתן ... בן ר׳ ... נרו יאיר, פאר אלע מפיצים; עס איז געווען זייער א גרויסער חיזוק פאר די מפיצים.

די סיבה פארוואס איך האב דיר נישט געלאדענט צו די שבע ברכות, ווייל דו ביסט א מלמד, און א מלמד טאר נישט זיין אויף ביינאכט; א מלמד מוז זיין גוט אויסגערוהט ווען ער גייט אריין אין כתה. עס ווערט גע׳פסק׳נט (יורה דעה סימן רמה, סעיף טז): "וְאֵין לַמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד, וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה", א מלמד טאר נישט אויף זיין שפעט ביינאכט, כדי ער זאל נישט זיין מיד; אויך טאר א מלמד נישט פאסטן. דערפאר האב איך נישט גערופן די מלמדים צו די שמחות, ווייל איך וויל אז אלע מלמדים ביי אונז אין מוסד זאלן נישט גיין צו קיין שמחות, נאר גיין שלאפן צייטליך כדי זיי זאלן האבן כח צו די קינדער.

איך האב שוין אסאך גערעדט מיט דיר וועגן דעם, און איך האף אז דו גייסט טאקע שלאפן צייטליך; ווייל א מלמד וואס שלאפט נישט געהעריג, אדער עסט נישט געהעריג - טאר נישט זיין קיין מלמד, ווייל ער קען שעדיגן די קינדער. ווייל ווען א מענטש איז מיד אדער הונגעריג, און איינער רעגט אים אויף, ווערט מען זייער בכעס רחמנא לצלן.

עס איז כדי אז דו זאלסט אויסהערן די שיעור פון די שבע ברכות, וועסטו האבן זייער אסאך חיזוק עוסק צו זיין אין הפצה.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת כי תבוא לאומאן, ט״ו אלול, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע תלמיד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~

דיין ווייב האט מיר געפרעגט צי עס איז מער צניעות׳דיג ווען מען גייט מיט א סינטעטישע שייטל, אדער עס איז די זעלבע זאך ווי א יומען-הער שייטל.

וויסן זאלסטו אז די גאנצע זאך וואס מען האט מתיר געווען צו טראגן א שייטל איז נאר ווייל מען האט געוואלט אז די פרויען זאלן זיך אפשערן די האר, ווייל דער זוהר הקדוש זאגט (נשא קכה:): ״׳תּוּנְבָא לֵיתֵי׳ א קללה זאל קומען, ׳עַל הַהוּא בַּר נָשׁ׳ אויף דעם מענטש, ׳דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ׳ וואס לאזט זיין ווייב, ׳דְּתִתְחַזֵּי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳ אז איר האר פון קאפ זאל זיך ארויסזען, ׳וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ׳, און דאס איז פון די יסודות פון א אידישע שטוב - אז מען זאל נישט זען די האר פון די פרוי; ׳וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳ און א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, ׳לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ׳ זיך שיין צו מאכן, ׳גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא׳ איז זי גורם אז עס זאל זיין ארימקייט אין שטוב, ׳וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא׳ און זי איז גורם אז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, ׳וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא׳ און זי איז גורם אז די ס״מ און די נישט גוטע זאלן זיין אין איר שטוב. זאגט ווייטער דער זוהר: ׳מַאן גָּרִים דָּא?׳ ווער איז דאס אלעס גורם? ׳הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר׳ די פרוי וואס איר האר זעט זיך ארויס״. און פארקערט איז נאך מער, א פרוי וואס געבט אכטונג אז אירע האר זאל זיך נישט ארויסזען, וועט האבן אלע ברכות, און זי וועט האבן נחת פון אירע קינדער.

דערפאר האט מען מתיר געווען צו גיין מיט א שייטל, אבי מען זאל אכטונג געבן נישט צו גיין מיט די אייגענע האר, אבער עס איז זיכער מער צניעות׳דיג ווען מען גייט מיט א שייטל וואס זעט נישט אויס ווי עכטע האר, און א פרוי וואס געבט אוועק פון זיך, און זי פירט זיך אויף בצניעות, וועט זוכה זיין צו ערליכע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות׳דיג, וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער.

דערפאר בעט איך דיר זייער, זאלסט מחזק זיין דיין ווייב אז זי זאל גיין אנגעטון צניעות׳דיג, שלעפ איר נישט אראפ, און זוך נישט ווי דו קענסט איר אראפברענגען אז זי זאל גיין אנגעטון מער אויפפאלנד און אויפרייסעדיג; עס גייט אריבער די פאר יאר וואס מען איז יונג, און נאכדעם רייסט מען זיך די האר פון קאפ. וואויל איז פאר א מענטש וואס זוכט נאר ווי אזוי ער קען האבן אן ערליכע ווארעמע שטוב, אן ערליכער ווינקל פאר זיינע קינדער, און ער איז מחזק זיין ווייב אז זי זאל גיין אנגעטון איידל און ערליך.

וויסן זאלסטו אז אויב מען איז נישט ערליך; מען היט זיך נישט די אויגן, מען לערענט נישט און מען דאווענט נישט - איז מען קיינמאל נישט צופרידן, שטענדיג פייניגט אינעווייניג א שלעכטע גייסט, און וואס די ווייב וועט נאר טון וועט מען נישט זיין צופרידן. מה שאין כן א מענטש וואס איז אביסל באזעצן, א מענטש מיט ישוב הדעת, דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אויף די מתנה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן; ער איז קיינעם נישט מקנא, ער וויל זיך נישט מיט קיינעם בייטן. אבער אז מען לערנט נישט, מען דאווענט נישט, און מען היט זיך נישט די אויגן - איז זייער ביטער.

איך האב געהאט אין איין וואך צוויי מעשיות - איינס פארקערט פונעם צווייטן, וואס פון דעם קענסטו זען אז אלעס איז איין גרויסער דמיון; דער ערשטע מעשה איז געווען, אז א פרוי רופט מיר אן, און זי וויינט צו מיר אז זי ווייסט נישט וואס צו טון, איר מאן הערט נישט אויף צו פארפירן אז זי זאל זיך אויסטון די שווארצע שטרומפ, ער וויל אז זי זאל זיך אנטון ברוינע שטרומפ, זאגט זי מיר אז זי וואלט אים גערן נאכגעגעבן, אבער זי האט מורא פון אירע עלטערן - וואס וועלן זיי זאגן, און זיי וועלן מאכן א גאנצע מחלוקה, און זי בעט מיר אן עצה וואס זי זאל טון. אין דעם זעלבן טאג רופט מיך אן א צווייטע פרוי, און רעדט זיך אויס איר הארץ; זי זאגט מיר: איך טו אלעס פאר מיין מאן, איך געב אים אלעס נאך, אפילו מיין לבוש האב איך מיר געטוישט, ער האט נישט אויפגעהערט צו פארלאנגן אז איך זאל מיך אנטון שווארצע שטרומפ, אפילו מיין גאנצע משפחה גייט נישט אזוי, און ער וויל איך זאל גיין אזוי

ווייל ער וויל אז איך זאל אויסקוקן מער לויט די סטייל [פעש"ן]; זעט מען אז נישט דער איז צופרידן, און נישט דער איז צופרידן, נאר יעדער מיינט אז דער אנדערער האט עפעס בעסער.

דערפאר בעט איך דיר זייער מיין טייערער ליבער הארציגער תלמיד, זיי מחזק דיין ווייב אז זי זאל גיין אנגעטון בצניעות, און פרעג מיר נישט קיין קשיות פון אנדערע וכו' - דער גייט אזוי און דער גייט אזוי וכו'; געדענק וואס דער תם פלעגט זאגן (ספורי מעשיות, מעשה ט מחכם ותם): "דאס איז מיין מעשה און דאס איז זיין מעשה, און וואס דארף איך שמועסן פון אנדערע"; דו קוק אויף דיר, און בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זוכה זיין צו האבן ערליכע קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת כי תבוא לאומאן, ט"ז אלול, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך וויל דיר מחזק זיין אז דו זאלסט גיין אין שול דאווענען יעדן טאג דריי מאל א טאג, שחרית מנחה מעריב; וויסן זאלסטו אז אין הימל ווערט א גרויסער רעש ווען מען זעט א איד קומט אין שול, בפרט ווען מען זעט א איד וואס מוטשעט זיך, עס גייט אריבער אויף אים שוועריקייטן וכו' וכו', און דאך שפרינגט ער אריבער אלע שוועריקייטן און לויפט אין שול דאווענען - דאס איז זייער חשוב אויבן אין הימל.

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו איז אמאל אנגעקומען אין א שטאט אויף עטליכע טעג און ער איז איינגעשטאנען ביים ראש הקהל; דער בעל שם טוב איז נישט געגאנגען דאווענען אינעם שטאטישן שול, נאר ער האט זיך געמאכט א מנין
~~~~~~~~~~

ביים שטוב פונעם ראש הקהל - דארט וואו ער איז איינגעשטאנען, אבער דער ראש הקהל איז יא געגאנגען אינעם שטאטישן שול דאווענען.

אויף שבת איז אויך אנגעקומען אין יענעם שטעטל א מגיד, וואס זיין פרנסה איז געווען אז ער איז ארומגעפארן אין שטעטלעך האלטן דרשות, און דער עולם האט אים געגעבן געלט פאר דעם. שבת ביי די סעודה האט דער בעל שם טוב אויסגעפרעגט דעם ראש הקהל וואס דער בעל דרשן האט גערעדט, האט דער ראש הקהל דערציילט אז ער שרעקט אן דעם עולם, ער זאגט אז עס איז דא א רויטע גיהנום, און א געלע גיהנום און דער עולם איז זייער צעבראכן, האט דער בעל שם טוב געזאגט פארן ראש הקהל: ״אויב דער בעל דרשן גייט נאכאמאל רעדן שלעכטס אויף אידישע קינדער, זאלסטו אים זאגן אז איך רוף אים, און דו זאלסט אים נישט לאזן ענדיגן רעדן״.

וכך הוה, אינמיטן שלש סעודות האט דער מגיד ווידער אנגעהויבן רעדן א שארפע דרשה, גלייך האט דער ראש הקהל אויסגעקלאפט און געזאגט אז דער בעל שם טוב רופט אים, ווען דער מגיד האט געוואלט ווייטער רעדן, האט אים דער ראש הקהל ווייטער איבערגעהאקט און אים געזאגט אז ער קען נישט ווייטער רעדן, און ער מוז גיין צום בעל שם טוב. דער מגיד האט נישט געהאט קיין ברירה, און ער איז געגאנגען מיטן ראש הקהל צום בעל שם טוב.

ווען ער איז אנגעקומען צום בעל שם טוב האט אים דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו געזאגט: ״ווי שעמסטו זיך נישט צו צעברעכן אידישע קינדער, דו ווייסט וואס געשעט אין הימל ווען א איד געבט זיך א כאפ סוף טאג נאכן ארבעטן און ער זעט אז ער האט נישט געלייגט קיין תפילין, און ער געבט א קרעכץ צום אייבערשטן, וואסערע רעש דאס מאכט אין הימל?! אדער א איד געט זיך א כאפ אז ער האט נישט געדאווענט שחרית אדער מנחה, און ער קען שוין נישט דאווענען און ער געבט א קרעכץ צום אייבערשטן, וואסערע רעש דאס מאכט אויבן אין הימל, גייסטו און דו צעקלאפסט אידן?!״ און אזוי האט דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו גערעדט צו דעם

מגיד, ביז ער האט געמוזט צוזאגן פארן בעל שם טוב אז פון היינט אן וועט ער מער נישט רעדן שלעכטס אויף אידן.

דערפאר בעט איך דיר זייער, טייערער ליבער חבר: אָחִי, חֲזַק וֶאֱחוֹז עַצְמְךָ! ברודער שטארק זיך און ווער נישט צעפאלן; קום אין שול דאוונען דריי מאל א טאג, אפילו דו ביסט צעבראכן אויף שטיקלעך, און עפען אויף א גמרא יעדן טאג, אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט; פאלג דעם הייליגן רבי'ן, וואס נאר ער קען אונז העלפן און נאר ער פארשטייט אונז.

איך האף אז דו האסט הנאה פון די בריוו וואס איך שרייב דיר; גלייב מיר, איך וויל גארנישט, איך וויל נאר זען ווי דו גייסט אן, און דו כאפסט אריין אביסל תורה ותפילה.

וואס זאל איך דיר זאגן, מען זעט אן אויף א אינגערמאן צי ער איז א תלמיד "היכל הקודש" צי ער איז נישט א תלמיד "היכל הקודש"; א תלמיד "היכל הקודש" רעדט איידל, ער רעדט נישט קיין ניבול פה, און כאפט אריין תורה תפילה יעדן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת כי תבוא לאומאן, ט"ז אלול, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע ליבער ... נרו יאיר**

דער אייבערשטער זאל דיר שיקן א רפואה שלימה; דו ווייסט אליין נישט וואסערע נס דער אייבערשטער האט מיט דיר געמאכט, חכמינו זכרונו לברכה זאגן (נדה לא.): "אֵין בַּעַל הַנֵּס מַכִּיר בְּנִיסּוֹ". איך בין זיכער אז דו ביסט גערעטעוועט געווארן ממות
~~~~~~~~~~

לחיים נאר בזכות וואס דו העלפסט די ישיבה, די חדר און די מיידל סקול; יעדע זאך וואס מען דארף עפעס צו העלפן די ישיבה, העלפסטו מיט דיין גאנצע הארץ.

איך דאנק דיר פאר דעם וואס דו האסט מיר געהאלפן אהער שטעלן אזא שיינעם קעמפ; דאס יאר איז געווען די ניינטע יאר וואס מיר גייען אין קעמפ. יעדע יאר איז זייער פיין און געשמאק דער קעמפ, אבער דאס יאר איז געווען עפעס ספעציעל, אלע בחורים און אלע אינגעלייט זאגן פה אחד אז אזא זומער האבן זיי נאך נישט געהאט. אלעס איז אין דיין זכות וואס דו האסט אהער געשטעלט דעם קעמפ, און דו נעמסט א חלק אין אלע תורה תפילה און יראת שמים וואס איז ארויס פון אזא הייליגע פלאץ.

מאך דיר א חשבון וויפיל תורה איז ארויס פון אונזער קעמפ, וויפיל פרקים משניות איז געלערנט געווארן דער יאר זומער אין קעמפ, וויפיל דפים גמרא איז געלערנט געווארן אין קעמפ, וויפיל ווערטער צום אייבערשטן איז גערעדט געווארן אין אונזער הייליגע קעמפ, וויפיל הרהורי תשובה וכו׳ וכו׳; דו נעמסט א חלק אין יעדע ווארט תורה, און אין יעדע ווארט תפילה פון אלע בחורים און אינגעלייט וכו׳.

איך וויל דיר בעטן אויב דו קענסט מיר העלפן; מאנטאג הייבן מיר אן א נייע יאר סקול און מיר האבן נאך נישט קיין פלאץ פאר די מיידלעך; איך דריי מיך ארום די לעצטע פאר טעג אן א קאפ. די סקול איז זיך צו וואקסן קיין עין הרע, און איך האב נישט קיין ברירה - מיר מוזן צעטיילן די מיידלעך; די עלטערע מיידלעך וועלן בלייבן ביז דערווייל אין דער אלטער פלאץ, און די יונגערע מיידלעך וועלן קומען אין תלמוד תורה. דער שכן ... נרו יאיר איז מסכים צו פארדינגען אונטן א חלק פון זיין ווערהאוז, מען דארף עס צעטיילן פאר דריי כיתות. וויל איך דיר בעטן אויב דו קענסט מיר העלפן דאס צו מאכן אז מיר זאלן קענען אנהייבן סקול געהעריג; נאר דאס וועט פון אונז איבערבלייבן, דאס ביסל וואס מיר טוען פארן הייליגן רבי׳ן.

דער אייבערשטער זאך דיר שיקן א רפואה שלימה אין אלע דיינע רמ״ח אברים ושס״ה גידים.

...

~~~~~~~~~~~

**בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת כי תבוא לאומאן, ט"ז אלול, שנת תשע"ז לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (תנא דבי אליהו רבה, פרק יח): "פַּעַם אַחַת הָיִיתִי עוֹבֵר מִמָּקוֹם לְמָקוֹם, וּמְצָאֲנִי אָדָם אֶחָד, וְאָמַר לִי: רַבִּי, מִפְּנֵי מָה בַּעֲלֵי בָּתִּים שֶׁל יִשְׂרָאֵל נֶעֱצָרִים עַל בָּנִים מִהְיוֹת לָהֶם?" אליהו הנביא האט דערציילט, איך בין אמאל געווען אונטערוועגנס, און א מענטש האט מיר באגעגנט און מיך געפרעגט א שטארקע קשיא: 'פארוואס זענען מיר אז אסאך ערליכע אידישע פרויען האבן נישט קיין קינדער?' "אָמַרְתִּי לוֹ: בְּנִי, מִפְּנֵי שֶׁהַקָּבָּ"ה אוֹהֵב אוֹתָם אַהֲבָה גְּמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶן, לְפִיכָךְ מְצָרְפָם כְּדֵי שֶׁיִּרְבּוּ רַחֲמִים לְפָנָיו", האב איך אים געענטפערט: ווייל דער אייבערשטער האט זיי זייער שטארק ליב, און ער פרייט זיך מיט זיי, מאכט ער אז זיי זאלן נישט האבן גלייך קינדער, אזוי וועלן זיי אסאך בעטן דעם אייבערשטן, "וְאָמַר לִי: רַבִּי, לֹא כֵן הוּא, אֶלָּא מִפְּנֵי שֶׁיֵּשׁ לָהֶם טִינָא בִּלְבָבָם, וְנוֹשְׂאִין הַרְבֵּה נָשִׁים שֶׁלֹּא לְשֵׁם פְּרִיָה וּרְבִיָּה", האט דער מענטש מיר געזאגט: עס איז נישט וועגן דעם, נאר עס איז ווייל דער אייבערשטער האט זיי פיינט, וויבאלד זיי האבן נישט חתונה לשם שמים וכו', "וְאָמַרְתִּי לוֹ: בְּנִי, הַרְבֵּה בַּעֲלֵי בָּתִּים יֵשׁ לָנוּ וַחֲמוּדִים הֵם, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא אִשָּׁה אַחַת, וְאַף עַל פִּי כֵן הֵן נֶעֱצָרִים עַל בָּנִים מִהְיוֹת לָהֶם", האב איך אים געזאגט אז עס איז נישט אזוי, עס איז דא אסאך ערליכע אידן וואס האבן חתונה פארן אייבערשטנ'ס וועגן, און מיט דעםווארטן זיי אויף קינדער, "וְתֵדַע לְךָ שֶׁכֵּן הוּא, צֵא וּלְמַד מֵאַבְרָהָם אָבִינוּ וְשָׂרָה אִמֵּנוּ שֶׁהָיוּ עֲקָרִים שִׁבְעִים שָׁנָה וְחָמֵשׁ שָׁנִים, וְהִרְבּוּ רַחֲמִים עַד שֶׁבָּא יִצְחָק וְשִׂמְּחוּ בּוֹ", א ראי' האסטו - זאגט אליהו הנביא - פון אברהם אבינו און שרה אמנו, וואס זיי האבן געווארט לאנגע יארן פאר קינדער, ביז דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן און זיי האבן געבוירן יצחק, "וְכֵן צֵא וּלְמַד מִן יִצְחָק וְרִבְקָה שֶׁהָיוּ עֲקָרִים עֶשְׂרִים שָׁנָה, וְהִרְבּוּ רַחֲמִים עַד שֶׁבָּא יַעֲקֹב וְשִׂמְּחוּ בּוֹ", נאך א ראי' האסטו פון יצחק
~~~~~~~~~~~

און רבקה, וואס זיי האבן געווארט אסאך יארן אויף קינדער, און זיי האבן אסאך געדאווענט צום אייבערשטן ביז זיי האבן געבוירן יעקב, "וְכֵן צֵא וּלְמַד מֵרָחֵל שֶׁהָיְתָה עֲקָרָה אַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה מִשְּׁנֵי יְלָדִים, וְהִרְבְּתָה רַחֲמִים עַד שֶׁבָּאוּ שְׁנֵיהֶם לָהּ וְשָׂמְחָה בָּהֶן", נאך זעט מען ביי רחל וואס זי האט געווארט אסאך יארן אויף קינדער, און זי האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן ביז זי איז געהאלפן געווארן און געבוירן אירע צוויי קינדער, "וְכֵן צֵא וּלְמַד מֵחַנָּה שֶׁהָיְתָה עֲקָרָה תְּשַׁע עֶשְׂרֵה שָׁנָה וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים, וְהִרְבְּתָה רַחֲמִים עַד שֶׁבָּא שְׁמוּאֵל לָהּ וְשָׂמְחָה בּוֹ", און אויך זעט מען ביי חנה - די מאמע פון שמואל הנביא וואס זי האט אויך געווארט אסאך יארן אויף קינדער, און זי האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן, ביז זי איז געהאלפן געווארן און געבוירן שמואל הנביא, "אֶלָּא עַל כָּרְחֲךָ צָרִיךְ אַתָּה לִתְפּוֹס בְּיָדְךָ מִידָּה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁאָמַרְתִּי לְךָ מִתְּחִלָּה, מִפְּנֵי שֶׁהַקָּבָּ"ה אוֹהֵב אוֹתָם אַהֲבָה גְּמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶן, לְפִיכָךְ מְצָרְפָן כְּדֵי שֶׁיִּרְבּוּ בְּרַחֲמִים לְפָנָיו"; זעט מען פון דא - פירט אויס אליהו הנביא - אז דאס וואס מען זעט אז א מענטשווארט לאנג אויף קינדער, איז ווייל דער אייבערשטער ווארט צו הערן זייער קול, אז מען בעט אים.

איך ווייס אז דו האלטסט עס שוין נישט אויס, און דו האסט שוין געמיינט אז דו וועסט שוין האבן א קינד; בפרט אז דו האסט געטון סגולות וואס צדיקים האבן צוגעזאגט, און בפרט אז דו ביסט געפארן קיין מירון צו רבי שמעון בר יוחאי, אזוי אויך ביסטו געוועזן ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה, און דו פרעגסט 'וואו איז מיין קינד?'

וויסן זאלסטו אז מען דארף אויסווארטן א ישועה, און אז דו וועסט בעטן דעם אייבערשטן וועסט זוכה זיין צו א שיינע שטוב מיט קינדער; דו האב נאר סבלנות און נאר וויין צום אייבערשטן. מען זעט אין די תורה אז לאה האט חתונה געהאט מיט יעקב אבינו און געהאט די מערסטע קינדער מיט יעקב - מער פון די אנדערע ווייבער, ווייל זי האט געבעטן און אסאך געוויינט צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (בראשית כט, יז): "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת", פון אסאך וויינען.

דאס וואס דו בעטסט מיר אז דו ווייסט נישט אויב זאלסט קומען קיין אומאן אויף ראש השנה צי נישט, און דו ווילסט אן עצה; וואס איז בכלל די שאלה, ווער דען אויב נישט דו דארף קומען אויף אומאן צום רבינ׳ס ראש השנה; ראש השנה משפט מען דעם מענטש וואס גייט זיין מיט אים דעם קומענדיגן יאר, ראש השנה שרייבט מען אפ אלעס וואס וועט פאסירן מיטן מענטש, אזוי ווי מען זאגט ביים דאווענען: ״בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן, כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ וּמִי בַמַּגֵּפָה; נאכמער האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תסו) אז ווען דער חזן זאגט מִי, וּמִי, וּמִי, דארט איז מרומז אלעס וואס עס שטייט נישט אויסגערעכנט אינעם פיוט פון ונתנה תוקף; פרעג איך דיר, אז מיר האבן א צדיק פון צוויי הונדערט יאר צוריק וואס האט געהייסן קומען צו אים, און ער האט צוגעזאגט אז ער וועט העלפן דעם מענטש מיט וואס ער קען - וואס איז בכלל די ספק?! א מענטש וואס האט שכל קוקט נישט אויף קיינעם, נאר ער פארט צום רבי׳ן אויף ראש השנה.

איך פרעג דיר, אז דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תה): ״הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי״; דער גאנצער וועלט איז אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה, דער אייבערשטער האט מיר דאס געגעבן פאר א מתנה. נישט נאר איר - מיינע תלמידים - זענט אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה, נאר דער גאנצער וועלט שטייט אויף מיין ראש השנה.

נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תג): ״הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִישׁ לֹא יֶעְדַּר, כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו - יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ. וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד ״אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם״, וְזֶה נֶאֱמַר עַל רֹאשׁ

הַשָּׁנָה״, מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, און עס איז מיר א וואונדער, פארוואס מיינע מענטשן וואס גלייבן אין מיר, זאלן נישט רעדן צו אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה. דער רבי האט געהייסן מען זאל מאכן א כרוז אז אלע זאלן קומען צו אים אויף ראש השנה; נאך האט דער רבי געזאגט, אז ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה דארף זיין פרייליך א גאנץ יאר.

וויסן זאלסטו אז די אלע טויזנטער אידן וואס קומען צום רבי׳ן, קיינער קומט נישט גרינגערהייט, נאר יעדער איינער קומט מיט מסירות נפש; נאר וואס דען, אז דער רבי האט געהייסן קומען, קומט מען אן קיין קשיות.

עַתָּה לְכִי אִיעָצֵךְ נָא עֵצָה, וּמַלְּטִי אֶת נַפְשֵׁךְ; קויף דיר א טיקעט און קום צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה, און ווען דו וועסט זיין אין אומאן זאלסטו נישט פארברענגען קיין צייט מיט שטותים והבלים. גיי נישט צו קיינעם, און קוק נישט אויף קיינעם, אין אומאן איז נישט דא וואס צו טון - חוץ פון זיצן ביים הייליגן רבינ׳ס ציון און וויינען צום אייבערשטן און זיך בעטן פאר א גוט יאר; א יאר מיט ברכות, א יאר מיט ישועות און א יאר מיט אלעס גוטס.

ר׳ אברהם בן רבי נחמן זכר צדיק לברכה פלעגט זאגן: ״ביים ציון, אויב מען עקשנ׳ט זיך, קען מען אלעס פועל׳ן״; זיץ ביים ציון און בעט אסאך דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זוכה זיין צו געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא מיט אלע אידן וואס ווארטן אויף זייער ישועה.

אודאי אין אנהייב איז זייער שווער, אבער אז מען איז אן עקשן און מען לאזט נישט אפ די זאך פון התבודדות, אפילו מען שפירט גארנישט, אדרבה - מען שפירט ווי קיינער דארף מיך נישט, אבער אז מען עקשנ׳ט זיך, און מען גייט יעדן טאג אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און מען שמועסט זיך אויס דאס הארץ מיטן אייבערשטן, איז מען זוכה צו האבן א חיים טובים; מען שפירט א קרבת אלקים, וואס דוד המלך זאגט אויף דעם (תהלים עג, כח): ״וַאֲנִי קִרֲבַת אֱלֹהִים לִי טוֹב״, ווען איך שפיר א נאנטקייט צום אייבערשטן איז מיר גוט; איך דארף שוין גארנישט.

מוהרא״ש פלעגט דערציילן פונעם הייליגן בעל התניא זכותו יגן עלינו, אז מען פלעגט הערן ווי ער זאגט תהילים מיט אזא זיסקייט; איינמאל האט מען געהערט ווי ער זאגט דעם פסוק (תהלים עג, כה): ״מִי לִי בַשָּׁמָיִם, וְעִמְּךָ - לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ״, האט ער אזוי געזאגט: ״מִי לִי בַשָּׁמָיִם״ ווען האב איך אין הימל - אלע זענען אנקעגן מיר, אבער ״וְעִמְּךָ״, אז איך האב דיר אייבערשטער, ״לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ״, דארף איך שוין נישט קיינעם; האט ער געזינגען מיט א בענקשאפט: ״רבונו של עולם, איך דארף נישט דיין עולם הזה, איך דארף נישט דיין עולם הבא, איך דארף נישט קיינעם - נאר דיר הייליגער באשעפער אליין״.

צו דעם דארף א מענטש צוקומען - אז ער זאל קיינעם נישט דארפן און גארנישט ווען, און קיינעם נישט מקנא זיין, נאר דעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת כי תבוא לאומאן, ט״ז אלול, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיך זייער צו הערן אז דו ביסט זיך מחזק מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן,

דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן קב): ״הַמַּאֲמִין בַּה׳, חַיָּיו טוֹבִים מְאֹד. כִּי אֲפִלּוּ כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו חַס וְשָׁלוֹם אֵיזֶה צָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אֲזַי הוּא גַּם־כֵּן יָכוֹל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי בּוֹטֵחַ בַּה׳ כִּי הַכֹּל לְטוֹבָה״, א מענטש וואס לעבט מיט אמונה האט א גוט לעבן; ווייל אפילו ווען עס גייט אים נישט גוט, ווייסט ער אויך אז אלעס
~~~~~~~~~~~

קומט פונעם אייבערשטן, ער פארלירט זיך נישט ווען עס גייט נישט אזוי ווי ער וויל, נאר ער נעמט אן אלעס לטובה.

מוהרא"ש זאגט אז יעדער מענטש האט קשיות אויפן אייבערשטן, אנגעפאנגען פון א בחור וואס פרעגט: "פארוואס האב איך נאך נישט קיין שידוך?" א אינגערמאן פרעגט: "פארוואס האב איך דוקא אזא ווייב?" אבער וואויל איז דעם מענטש וואס איז זיך מבטל פארן אייבערשטן, און ער גלייבט מיט אמונה שלימה אז דער אייבערשטער ווייסט בעסער ווי אים וואס איז גוט פאר אים, און ער גלייבט אז 'אויב האב איך נאך נישט מיין שידוך איז דאס גוט פאר מיר', און 'אז דער אייבערשטער האט מיר געגעבן אזא ווייב איז דאס גוט פאר מיר, און איך דארף פרובירן מיט אלע מיינע כוחות צו טרעפן דאס גוטס אין איר'.

איך בעט דיר זייער, זאלסט נישט מיינען קיין איין רגע אז א צווייטער האט א בעסערע לעבן פון דיר, אדער א צווייטער האט א בעסערע ווייב ווי דיר - דאס איז א גרויסער דמיון, ווייל אז דו קענסט זיך נישט אויסקומען מיט די פרוי וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, וואלסטו זיך זיכער נישט געקענט אויסקומען מיט א צווייטע פרוי וואס דו מיינסט אז זי איז גוט פאר דיר.

דער יצר הרע האט פיינט א מענטש, ער וויל אים הרג'ענען און צונעמען זיין לעבן; ער מאכט אז דער מענטש זאל נישט זיין צופרידן פון זיין לעבן, פון זיין ווייב און פון זיינע קינדער. ער רעדט איין פארן מענטש אז א צווייטער האט א בעסערע לעבן, א בעסערע ווייב, בעסערע קינדער, א בעסערע דזשאב וכו'. עס איז דא א ווארט אין קבלה שפראך "עֵירוּב טוֹב וָרַע"; מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט אז אלע הויכע ווערטער איז פאר אונז געזאגט געווארן, און מיר קענען עס פארשטיין. "עֵירוּב טוֹב וְרַע" מיינט, אז ווען אדם הראשון האט געגעסן פונעם "עץ הדעת" איז געשען א "עֵירוּב טוֹב וָרַע", אז יעדער מענטש מיינט: 'ביי מיר איז שלעכט, און ביי יענעם איז גוט'; מען מיינט אז די "טוב" איז ביי יענעם, און דער "רע" איז ביי מיר. אנשטאט מען זאל טראכטן אז ביי מיר איז ברוך השם גוט, און ביי יענעם ווייס איך נישט, און

איך וויל נישט וויסן; טראכט מען די גאנצע צייט: ׳פארוואס ביי מיר איז נישט גוט?׳ ׳פארוואס האב איך באקומען אזא ווייב וכו׳?׳ אנשטאט מען זאל זיין פריילִיך, און לויבן דעם אייבערשטן אויף וואס מען האט, און אויף וואס מען האט נישט - מחלות און שוועריקייטן וואס מענטשן מאכן נעבעך מיט רחמנא לצלן.

א ברסלב׳ער חסיד גייט שטענדיג ארום מיט א שמייכל, ער טאנצט און זינגט און לויבט דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים. איך האב געהערט פון א ברסלב׳ער איד, א תלמיד ״היכל הקודש״ א מורא׳דיגע ווארט; עס איז דא אן אויסדרוק וואס מענטשן זאגן: ״אלעס אינאיינעם, איז נישט דא ביי קיינעם״, האט ער געזאגט: ״אלעס אינאיינעם איז נישט דא ביי קיינעם, אויסער ביי איינעם; ביי מיר״, און ער זינגט דאס מיט זיין ווייב און קינדער און פאר זיינע חברים; וואס זאל איך דיר זאגן, עס האט אלע חן אויף דער וועלט ווען א מענטש וואס קען קוים דורך שטופן די וואך, און קוים וואס ער האט אויף שבת צו מאכן, און מיט דעם אלעם גייט ער ארום אזוי פריילִיך, און זינגט: ״אלעס אינאיינעם איז נישט דא ביי קיינעם, אויסער ביי איינעם; ביי מיר״.

דערפאר זע אויך צו זינגען דעם ניגון: ״אלעס אינאיינעם איז נישט דא ביי קיינעם, אויסער ביי איינעם; ביי מיר״ - וועסטו האבן אלעס גוטס. ר׳ נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: ״ווען דער אייבערשטער הערט ווי א מענטש דאנקט אים און לויבט אים, זאגט ער פאר די מלאכים: ״קוקטס אן דעם איד, ער האט גארנישט און ער דאנקט מיך, איך וועל אים ווייזן וואס גוט מיינט״, און פארקערט אויך, אז דער אייבערשטער הערט ווי איינער הערט נישט אויף זיך אפצורעדן זאגט דער אייבערשטער: ״איך וועל אים ווייזן וואס שלעכט מיינט״.

איך בעט דיר, זיי פריילִיך מיט דיין ווייב וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן; געדענק ווען דו ביסט געווען א בחור האסטו נישט געוואלט לעבן, האסט נאר געוואלט חתונה האבן, יעצט האסט ברוך השם שוין חתונה געהאט, און דו האסט צוויי לעכטיגע קינדער, זיי פריילִיך! טראכט נישט: ״מע, מיין ווייב איז א שלעכטע,

א עקלדיגע וכו׳, זי איז נעגעטיוו וכו׳״, זוך אויף ווי דו קענסט טרעפן אין איר א נקודה טובה, און זיי איר דן לכף זכות. מען גייט שוין באלד אהיים, און עס איז א שאד פאר די פאר יאר וואס מיר לעבן, אז מיר זאלן זיך קריגן און בלאזן איינער אויפן צווייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת פ׳ כי תבוא לאומאן, י״ז אלול, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

זע צו גיין שבת אין שול דאווענען אלע דריי תפילות; עס טוט זייער ווי פאר א פרוי צו זען ווי איר מאן שלאפט ביז די סעודה און גייט נישט אין שול, דיין ווייב וועט דיר אראפקוקן - אפילו זי וועט דיר גארנישט זאגן, אבער אינעווייניג וועט עס איר באדערן און דו וועסט ווערן אראפגעקוקט ביי איר וכו׳ וכו׳.

אויך בעט איך דיר זייער אז דו זאלסט אכטונג געבן נישט צו ווארפן א פחד אויף דיין ווייב תחי׳; מיין מאמע האט מיר דערציילט, אז איינמאל זייענדיג אין קאנטרי האט א פרוי אריינגעקלאפט צו איר - בלאס און דערשראקן, און זי בעט פון מיין מאמע צי זי האט אביסל איבעריגע פיש זאפט, ווייל איר פיש האט אויסגעקאכט און עס איז נישט געבליבן קיין פיש זאפט, און זי ציטערט פון איר מאן, ווייל אויב עס איז נישט דא קיין פיש זאפט ווערט ער ווילד, און עס ווערט אויס שבת וכו׳ וכו׳. שטעל דיך פאר א מענטש זאל זיין אזא געמיינער יונג, וועגן אביסל פיש זאפט זאל ער שרייען אויף זיין ווייב?! וועגן אביסל עסן וואס פעלט, אדער וואס מען האט פארגעסן צו קויפן, ווערט אויס שבת?! עס לאזט זיך פשוט נישט גלייבן אז עס זענען דא אזעלכע פארדארבענע אינגעלייט.
~~~~~~~~~~

דערפאר בעט איך דיר, געב אכטונג אויף דיין ווייב; רעד שיין צו איר און מאך איר פריילעך, ווייל דאס איז אן ערליכער איד, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עירובין סה:): "בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אָדָם נִיכָּר, בְּכוֹסוֹ וּבְכִיסוֹ וּבְכַעֲסוֹ", מען קען דערקענען א אינגערמאן לויט ווי אזוי ער פירט זיך אויף אין שטוב; א מענטש וואס האט סבלנות, ער האט געדולד - דער איז אן ערליכער איד, אבער ווען מען זעט ווי איינער שרייט און פארפירט וכו', ווייסט מען שוין גלייך אז דער מענטש טויג נישט. און וויסן זאלסטו אז אויב דו וועסט שרייען אויף דיין ווייב, אדער דו וועסט איר טשעפען, וועסטו איר פארלירן, און קיינער וועט אויף דיר נישט קיין רחמנות האבן.

גרייט דיר אן שיינע מעשיות צו דערציילן ביי די סעודה; קינדער האבן זייער ליב צו הערן מעשיות, און שבת איז א צייט וואס די קינדער הערן זיך צו צו וואס דער טאטע רעדט, און שבת איז א צייט וואס קינדער ווארטן צו פארברענגען מיט די עלטערן, זיי קוקן ארויס אויף דעם א גאנצע וואך. דערפאר זאלסטו זען צו זיין פריילך, און אויב דו ביסט נישט פריילך, זאלסטו ארום גיין מיט א געמאכטע פרייליכקייט ביז דו וועסט טאקע ווערן פריילך.

די וואך ליינען מיר די תוכחות; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מגילה לא:): "תַּנְיָא, ר' שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר אוֹמֵר, עֶזְרָא תִּקֵּן לָהֶן לְיִשְׂרָאֵל שֶׁיְּהוּ קוֹרִין קְלָלוֹת שֶׁבְּמִשְׁנֵה תּוֹרָה קוֹדֶם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כְּדֵי שֶׁתִּכְלֶה הַשָּׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ", עזרא הסופר האט מתקן געווען אז מען זאל ליינען די תוכחה פאר ראש השנה, כדי עס זאל זיך ענדיגן די יאר מיט אלע קללות. דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן שוין נישט וויסן מער פון קיין צרות און קיין שלעכטס; יעדן טאג הערט מען שוידערליכע מעשיות ווי יונגע מענטשן ווערן אוועק געריסן פון דער וועלט, און ווי יונגע מענטשן ליגן רחמנא לצלן אין שפיטעלער, ה' ירחם.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט, אז דער הייליגער בעל התניא זכותו יגן עלינו פלעגט זיין דער בעל קורא ביי זיך אין שול; איינמאל פרשת כי תבוא איז דער הייליגער בעל התניא זכותו יגן עלינו אוועק געפארן אויף שבת, און א צווייטער האט

געליינט, אינמיטן ליינען האט דער הייליגער רבי דובער זכותו יגן עלינו (דער מיטעלע רבי) אוועק געֹחלש׳ט, ווען מען האט אים דערמונטערט האט ער געזאגט אזוי: ״געווענליך ליינט מיין טאטע די תוכחה, און ווען מיין טאטע ליינט דאס הערט מען נאר ברכות, יעצט האב איך געהערט ווי יענער ליינט עס מיט קללות און צרות האב איך געֹחלש׳ט״; זעט מען פון דעם אז די צדיקים טייטשן אלעס אויס אויף ברכות.

דער הייליגער ראפשיצער רב זכותו יגן עלינו טייטשט אויס די וואך אין די פרשה אלע קללות - ווי אזוי עס איז מרומז אין דעם נאר ברכות; למשל, די תורה זאגט (דברים כח, כא): ״יַדְבֵּק ה׳ בְּךָ אֶת הַדָּבֶר, עַד כַּלֹּתוֹ אֹתְךָ מֵעַל הָאֲדָמָה״, זאגט ער, אז דער אייבערשטער וועט דער צוקלעבן דעם דיבור, יַדְבֵּק ה׳ בְּךָ אֶת הַ׳דִּבּוּר׳, אז דו וועסט אזוי סאך רעדן צום אייבערשטן, עַד כַּלֹּתוֹ אֹתְךָ מֵעַל הָאֲדָמָה, ביז דו וועסט צוקומען צו אזא ביטל, אז דו וועסט שוין גארנישט דארפן, דו וועסט ווערן אויס, און דו וועסט נאר וועלן דעם אייבערשטן. ווייל ווי מער א מענטש געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן ווערט ער מער און מער צוגעקלעבט צום אייבערשטן, אז ער וויל שוין גארנישט.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תכה) אז א מענטש דארף צוקומען צו אזא ביטול צום אייבערשטן, אז ער זאל שרייען: ״גיוואלד! בינד מיר צו, ווייל איך שפיר ווי איך ווער אויס, עס פאלט שטיקער פון מיר וכו׳, איך וויל נכלל ווערן אין דיר טאטע״, עיין שם.

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת כי תבוא, י״ז אלול, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**
~~~~~~~~~~

איך וויל דיר זייער בעטן אז דו זאלסט זען צו זיין פריילך שבת; דער ס"מ פארלייגט זיך זייער שטארק אז מען זאל זיין צעבראכן און מרה שחורה'דיג שבת, ווייל שבת איז דער מקור פון אלע השפעות פון די גאנצע וואך, און אז מען איז פרייליך שבת ווערט דער ס"מ אינגאנצן פארברענט.

וויסן זאלסטו אז דיין גאנצע שטוב ליגט אין דיינע הענט, א פרוי וואס וויל האבן אן ערליכע שטוב, ערליכע קינדער און נחת פון די קינדער, דארף ארבעטן און אריין לייגן אסאך כוחות; ערליכע קינדער נעמט מען נישט אראפ פונעם בוים, מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו האבן גוטע קינדער. דערפאר, ווען דו צינדסט אן די שבת ליכט זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן פאר גוטע קינדער, ווייל דעמאלט איז א מורא'דיגע עת רצון אין הימל, אלע הימלען עפענען זיך אויף, און אויב א פרוי ניצט אויס די מינוטן פון הדלקת הנרות צו בעטן פאר איר און פאר איר מאן און קינדער, קען זי פועל'ן גרויסע זאכן.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן נד): "עַל יְדֵי חֲנֻכָּה וְנֵר שַׁבָּת, הֲוֵי לָהּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים; דערפאר זע אויסצוניצן די צייט ווען דו צינדסט ליכט צו מתפלל זיין דעמאלט אויף גוטע קינדער. וואויל איז פאר א פרוי וואס וויינט זיך אויס צום אייבערשטן מיט הייסע טרערן, ווייל דער אייבערשטער נעמט די טרערן און לייגט דאס אוועק, און מיט די טרערן באוואסערט מען די קינדער זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן.

שלמה המלך זאגט (משלי טו, א): "מַעֲנֶה רַּךְ, יָשִׁיב חֵמָה", איינער וואס רעדט שיין און איידל נעמט אוועק צארן; דאס הייסט, ווען איינער שרייט, און מען שרייט צוריק - מאכט מען נאר ערגער, ווייל יענער הייבט אן שרייען העכער, אבער אויב דער מענטש איז קלוג, און ער ענטפערט שטיל און שיין, נעמט ער אוועק די צארן, און יענער ווערט בארואיגט; דערפאר זע צו רעדן שיין צו דיין מאן, און געדענק אז דאס איז דיין מאן וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, עס איז א שאד זיך צו קריגן

פאר נארישקייטן, ווייל יעדע זאך קען מען שיינערהייט אויסשמועסן און זיך דורכקומען.

דער רבי האט געזאגט: "יעדע זאך וואס מען פועל'ט מיט שלעכטן, וואלט מען גרינגער געקענט פועל'ן מיט גוטנס"; אסאך מאל מיינט א מענטש אז אויב ער וועט שרייען וכו', וועט זיך יענער דערשרעקן, אדער אז ער וועט סטראשען וועט זיך יענער טוישן. עס איז אבער נישט אזוי, נאר פונקט פארקערט, אז איך וועל זיין ווייעך צו יענעם און גוט צו אים וועט ער זיך טוישן; דאס לעבן איז ווי א שפיגעלע: ווי אזוי מען קוקט אריין אין דעם אזוי וועלן די מענטשן ארום דיר קוקן אויף דיר, שמייכלסט - וועלן אלע שמייכלען צו דיר, בלאזט - וועט יעדער ארום דיר בלאזן.

עס זענען דא שלעכטע מדריכים וואס לערנען אויס פאר פרויען אז זיי זאלן נישט גיין וכו', און מיט דעם סטראשען זייער מאן וכו'; קודם כל דארף מען וויסן אז דאס איז זייער א גרויסע עבירה, א פרוי וואס וויל זיך נישט ריינינגן וכו', ווייל זי וויל אפטון איר מאן, וועט באקומען זייער א גרויסע שטראף רחמנא לצלן. צווייטענס, מען טוט זיך אליין אפ, ווייל ווען דו וועסט חרטה האבן און דו וועסט גיין וכו', ווער זאגט אז דיין מאן וועט בכלל וועלן קוקן אויף דיר? אפשר וועט ער דיר געבן פון די זעלבע מעדיצין וואס דו האסט אים געגעבן... איך אליין וויים מעשיות וואס האט זיך אזוי געענדיגט ה' ירחם. דערפאר בעט איך דיר זייער, וואס דו ווילסט פועל'ן ביי דיין מאן זאלסטו טון מיט גוטן, דער אייבערשטער האט דיך געגעבן א מויל צו רעדן, אויב עפעס באדערט דיך רעדט צו דיין מאן, גיי אויף א שפאציר מיט אים און שמועס זיך דורך מיט אים שיינערהייט; אז מען רעדט קען מען אלעס פועל'ן, און אז מען פועל'ט נישט קען מען זיכער נישט פועל'ן מיט סטראשען און בלאזן, עס וועט נאר ערגער מאכן.

וואס די דארפסט, זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי ברכות, סג.): "אִם בָּא עַל אָדָם צָרָה, לֹא יִצְוַוח - לֹא לְמִיכָאֵל, וְלֹא לְגַבְרִיאֵל, אֶלָּא לִי יִצְוַוח, וַאֲנִי עוֹנֶה לוֹ מִיַּד", דער אייבערשטער זאגט, ווען א מענטש האט א צרה און

ער דארף א ישועה, זאל ער נישט שרייען - נישט צו מלאך מיכאל, און נישט צו מלאך גבריאל, נאר ער זאל שרייען און בעטן פון מיר און איך וועל אים גלייך ענטפערן; דערפאר זאלסטו געדענקען, אז וואס דו דארפסט, און וואס דו ווילסט - בעט נאר פונעם אייבערשטן, אפילו זאכן וואס זען אויס אין דיינע אויגן אז עס וועט זיך נישט טוישן, זאלסטו אויך בעטן, ווייל מיט תפילה קען מען אלעס פועל'ן.

קומענדיגע וואך מיטוואך נאכט וועט אם ירצה ה' זיין א פרויען צוזאמקום; לייג אלעס אוועק פאר אנדערע נעכט כדי דו זאלסט קענען קומען הערן אביסל חיזוק.

זאלסט האבן א פרייליכן שבת.